NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07284

DOBELE

Shneur Vaserman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָבעלע

אַרויסגעגעבן פֿון איקוף מיט דער הילף
פֿון אַ קאָמיטעט

בוענאָס איירעס 1946

Printed in Argentina

"DOBELE"

(POESIAS PARA NIÑOS)

de Szneier Waserman

Buenos Aires 1946

שניאור וואסערמאן

מיינע פאריתומטע לידער
ווידמע איך דעם הייליקן
אָנדענק פון די פאַרפּייני־
קטע ק י נ ד ע ר אין
אייראָפּע

שניאור וואסערמאן

דאָבעלע

(קינדער-לידער)

אילוסטרירט

פון מ. אייטשעלבוים, גערדאַליע, י. מיטלער

ח. סאָקאָלאווסקי און מ. פייגענבלום

ביכער פון זעלבן מחבר:

קינד און קייט	1936
שוועלבעלעך	1938

* *
*

מיט דעם אויפקום פון דער וועלטלעכער שול בא יידן, איז אויך אויפגעקומען דער יידישער קינדער־דיכטער, די יידישע קינדער־ליטעראַטור. דאָס מיינט, אז אין איין צייט דערמיט ווי דער לערער האָט אין דער יידישער דערציִונג פאַרביטן דעם מלמד, די נייע פעדאַגאָגישע מעטאָדן האָבן פאַרביטן די אַלטע, האָט אויך דער אַלטער חדר־טעקסט אָפּגעטראָטן זיין אָרט א נייעם; אַנשטאָט דעם טויטן אות, איז געקומען דאָס לעבעדיקע וואָרט, אַנשטאָט דעם סדור מיט דעם חומש — דאָס ליד און דאָס מעשהלע פון דער היינטיקער באַוועגלעכער וועלט, ווי זי ווערט אויפגענומען אָדער ווי זי קען און דאַרף אויפגענומען ווערן פון דעם קינד אין די סטאַדיען פון זיין שול־עלטער.

מען האָט, נאַטירלעך, צוערשט פאַרווערטיקט צו דעם ציל אַלץ וואָס איז פאַראַן צוגענגלעכס פאַרן קינד בא אונדזערע קלאַסיקער, ספּעציעל בא שלום עליכמען און בא פּרצן; אָבער פּרץ גופא, וועלכער איז געשטאַנען באַם וויגעלע פון אַ די שולן אין פּוילן, האָט פאַרשטאַנען ווי נויטיק עס איז פאַר דעם יידישן קינד שפּיל און געזאַנג און מיט דער ליבשאַפט פון א לערער און א פאָטער, האָט ער געשריבן קינדער־לידלעך.

אויך די אַלטע טעקסטן, ספּעציעל דעם חומש, וועלכער איז אין די יאָרהונדערטער פון יידישן געטאָ־לעבן און יידישער געטאָ־דערציונג, געווען דער איינציקער קוואַל פון וועלכן עס האָט זיך גענערט די פאַנטאַזיע פונעם יידישן קינד, האָט מען גענומען פאַרווערטן אין קולטור־געשיכטלעכן און היסטאָריש־לעגענדאַרן מאַטעריאַל פאַר דער נייער יידישער שול, דער וועלטלעכער, וואָס מיינט אויך באַוועגלעכער, היינטיקער און אָרטיקער. נאָר דעם קינד, וואָס די נייע שול האָט זיך אונטערגענומען אים באַפרייען פון דער געטאָ און אירע באַגריפן, האָט מען געמוזט פאַר אַלעמען געבן פרייד, נאַטור־פרייד: א גרינע לאָנקע און א בלום, אַן אויפוואַכנדיקן פרילינג און א צעבליטן זומער, א גאָלדיק־בלעטערדיקן האַרבסט און א זילבער־ריינעם שניי, צום שליטלען זיך, צום טאַנצן און צום באַוואונדערן און

דעם נייגיר וועקן. און דאָס איז געווען און איז ביז היינטיקן טאָג די אויפגאבע פון די לערער, וואָס די ליבע צו די קינדער האָט זיי פאַרוואנדלט אין דיכטער — און זיי זיינען די מערסטע קינדער-דיכטער בא אונדז — און דאָס איז די אויפגאבע פון די יידישע דיכטער — טאַטעס, וואָס פאָלגן נאָך מיט ליבשאַפט יעדן קער און ווענד פונעם קינד, יעדן שריט און יעדע נייגונג זיינע און דרינגען אריין אין זיין וועלט.

מען קען ניט זאָגן, אז אין דער יידישער ליטעראטור איז פאראן א דוחק אין קינדער-דיכטער, מען קען אָבער אויך נישט זאָגן, אז בא אונדז איז פאראן אן איבערפלוס פון דעם מין דיכטער. ווען מען נעמט אין אכט, אז די יידישע וועלטלעכע שולן זיינען צעשפרייט איבער פארשידענע לענדער, ווו סיי די פאנאָראמע, סיי די אָרטיקע לעבנס-באדינגונגען און סיי דער לעבנס-שטייגער זיינען פארשידן. און ווען מען ברענגט זיי פאָר פאר די קינדער, טאָר מען ניט זיין פאלש, אויב מען איז געטריי צו זיי און מען טאָר אויך ניט זיין פאלש, אויב מען וויל אָפ זיי ווירקן, אויב מען וויל זיי דערציען. צו אָט די דערציערישע מאָטיוון, ספעציעל בא יידישע לערער און עלטערן, קומט נאָך צו דער אידייעשער מאָטיוו.

פאר דעם געטאָ-קינד אין פוילן, ווו דאָס לעבן איז פול געווען מיט אלטן טראדיציאָנעלן לעבנס-שטייגער איז ניט נויטיק געווען — און אפשר איז עס אויך אין א געוויסער מאָס שעדלעך געווען — צו אידעאליזירן דעם יידישן שטייגער, וואָס זיין באזע איז די געטאָ. די באזע פון דער יידישער קינדער-ליטעראטור אין פוילן איז דעריבער א פארהערלעכונג פון דער נאטור, נויטווענדיקערווייזע אן אבסטראקטע, און איז מער געווענדט אָף דער פסיכישער דערציונג פונעם קינד.

אינעם ראטנפארבאנד האָט זיך די קינדער-ליטעראטור געגומען אלס באזע דעם נייעם סאָציאלן שטייגער בא יידן: „פאלט ארויס א רעגן, ווערן פעלדער גרין; א ווייסינקע הייזעלע האָב איך מיר אין קרים. מאָנטיק בא דער סאָכע, דינסטיק מיט דעם פלוג, מיטוואָך בא דעם אקער, פרייטיק אין קאָמיוג...״

אין די פאריייניקטע שטאטן, ווו די איבערוואנדערונג האָט אויסגעוואָרצלט פונעם יידישן לעבן די טראדיציע און קיין אידעאלער סאָציאלער שטייגער איז אויך ניטאָ, פארנעמט זיך די יידישע קינדער-ליטעראטור מיט שאפן נייעם יידישן קינדער-יום-טוב אָדער צופאסן די אלטע טראדיציע צו די נייע באדינגונגען.

בא אונדז אין ארגענטינע, גיט א געוויסע באזע פאר דער יידישער קינדער-ליטעראטור די יידישע קאָלאָניע, די פארהערלעכונג פון

ארבעט, דער סענטימענט צו דער אלטער חיים, אָבער מערסטנס די שול גופא, ווו דאָס יידישע קינד לעבט יידיש.

שניאור וואסערמאן, איינער פון אונדזערע קינדער־דיכטער, א מאטע און געוועזענער לערער, א דיכטער בכלל, וואָס נעמט נאָענט צום הארצן די יידישע וועלטלעכע שול און די דערציונג פונעם יידישן קינד, קולטיווירט מיט פרעפערענץ אָט די אידייען־באזע אין זיינע קינדער־לידער, פון וועלכע צוויי ביכער זיינען שוין דערשינען און זיי פיגורירן אין אלע יידישע כרעסטאָמאטיעס, אין די היגע ווי אין די אמעריקאנישע און פארנעמען אן אָרט אין די פראָגראמען פאר שפראך און ליטעראטור־לימוד אין אונדזערע שולן.

מער ווי מיין רעקאָמענדאציע שניאור וואסערמאנס נייעם בוך קינדער־לידער, „דאָבעלע", רעדט צו זיין גונסטן דער פאקט, וואָס אים האָבן אקצעפטירט די לערער, וואָס טראָגן די אחריות פאר דער דערציונג פון דעם יידישן קינד און זיינען דורכגעדרונגען מיט די דערציערישע אויפגאבן פון דער וועלטלעכער יידישער שול.

פ. קאָן.

פון מחבר

אונטער די צייכנונגען, וואָס איר, קינדער, זעט דאָ אין בוך, זיינען אונטערגעשריבן פאַרשידענע נעמען פון היגע גוט באַקאַנטע יידישע מאָלער. די אלע האָבן געארבעט מיט א סך פליים צו באשיינען מיט זייערע צייכנונגען מיין בוך און מאכן די לידער מער פאַרשטענדלעך פאר אייך.

דאנק איך מיינע פריינט, די מאָלער, ווי אויך די אלע, וואָס האָבן צוגעהאָלפן ארויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך, פאַר זייער ביישטראָג אין מיין נאָמען און אויך אין אייער נאָמען. איך בין זיכער, אז די שיינע צייכנונגען דערוועקן ביי אייך מער חשק צו לייענען די לידער.

און די לידער זיינען דאָך געשאפן געוואָרן פאר אייך און צוליב אייך, קינדער, ווייל איר זיינט מיין פרייד און די פרייד פון אלע מענטשן. די האָפנונג פון אלע אידן אף א זוניקן מאָרגן.

ביכער



קלוג זיינען ביכער,
זיי וויסן אַ סך. —
לערנט אייך קינדער,
פון ביכער די שפּראַך!

ווערט מיט די ביכער,
מיט קלוגע באקאנט.
גיט נאָר די בלעטלעך
א מיש מיט דער האנט.

מישט אויף א בלעטל,
א זייט נאָך א זייט! —
הערט, ווי זיי ריידן
מיט מענטשלעכע רייד!

זעט, ווי עס פינקלען
געדאנקען פון דאָרט!
ס׳קלינגט אזוי היימיש
דאָס יידישע וואָרט!...

אונדזער שול



וואָסער שול נאָך אַף דער וועלט
האָט אַזוי פיל פרייד און חן?
וואָסער שול, בא וועלכן פאָלק
בויען טאַטע־מאַמע אַליין?
— אונדזער יידישע שול!

וואָסער שול, אַף וועלכער שפּראַך
וואַקסט אַזוי אין יעדן לאַנד?
אַף די שנייען פון סיביר,
אַף דעם אַפריקאַנער זאַמד?
— אונדזער יידישע שול!

וואָסער שול, בא וועלכן פאָלק
לערנט אויס צו זיין אַ ייד?
ריידן יידיש — אונדזער שפּראַך,
זינגען יידיש — אונדזער ליד?
— אונדזער יידישע שול!

וואָסער שול נאָך לערנט אונדז
פיינט צו האָבן ביקס און שווערד?
און צו ליבען יעדן פאָלק,
אַלע מענטשן אַף דער ערד?
— אונדזער יידישע שול!



דאָרפֿס-קינדער

כאַטשע ווייטלעך איז די שולע,
אָבער לערנען מוז א קינד.
אנדערש קען עס נאָך, חלילה,
וואקסן, נעבעך, טויב און בלינד.

מיט די הינער גלייך, באגינען,
וועקן זיך די קינדער אויף,
העפט און בוך צונויפגענומען,
שפרינגט מען אף די פערד ארויף.

בערל — פאָרנט, האלט די לייצעס,
פערל זעצט זיך הינטער אים,
מיט איר טעקע אף די פלייצעס
און זי נעמט אים פעסט ארום.

נאָר דערווייטערט זיך פון שטיבל,
לאָזט זיך פערדל אין געיעג. —
ס׳קען דאָס פערדל יעדעס גריבל,
יעדעס בערגעלע אין וועג.

ווייסט עס, וואָס מען מעג און טאָר נישט,
ווו צו לויפן, ווו צו גיין, —
קומען קינדער, אָן סכנות,
יעדן טאָג אין שול אריין.

לערנען פלייסיק זיך די קינדער,
טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר. —
ניט קיין טויבער, ניט קיין בלינדער,
וואקסן וועט דער נייער דור...

העי, אין שול אריין!

העי, אין שול אריין געשווינטער!
העפטן, ביכער אין די הענט.
ס'האָט די שולע אַף אייך, קינדער,
קוים דערוואַרטן זיך געקענט.

אויך די העפטן און די ביכער
האָבן אויסגעקוקט אַף אייך
און געבראַכט אייך נייע מעשהס,
לידלעך שפּילעוודיקע, לייכט.

כאָטש די צייט איז ניט קיין לייכטע,
(שוין אַ ביסל צופיל שווער)...
הלוואי אַזעלכע צייטן
זאָלן שוין ניט קומען מער!

דאַרפט איר, קינדערלעך, זיך גרייטן:
שפּילן זיך און לערנען פיל.
און דאָס לעבן לייכטער מאַכן,
פריילעך, ווי אַ קינדער-שפּיל.

שפּילעוודיק, ווי קינדער-לידער,
לויטער, ווי די קינדער-פרייד. —
העי, אין שול אריין, געשווינטער,
לערנען און זיך מאַכן גרייט!

„איבעראיאָר"

(מיין דאָבעלען צום 5טן געבוירנטאָג)

איך שוין קענען גיין אין שולע
איבעראיאָר — די מאמע זאָגט. —
קוק איך אויס דעם „איבעראיאָר"
דורך מיין פענצטער יעדן טאָג.

יעדן טאָג איך פרעג די מאמען,
ווען דער איבעראיאָר וועט זיין. —
איך זאָל גלייך מיט אלע קינדער
קענען גיין אין שול אריין.

מיט א ביכעלע, מיט העפטן,
אין א פארטעך, ריין און קלאָר.
אך, ווי גוט וואָלט דאָס געווען,
ווען ס'איז היינט שוין „איבעראיאָר"!...



פויל זיין איז ניט שיין

(דאָבעלען צום זעקסטן געבוירנטאָג)

ס'איז די זון שוין אויך מסתמא,
אַלט, ווי איך, זעקס יאָר.
וועקט זי עמיץ יעדן מאָרגן,
וואַשט זי ריין און קלאָר.

אויך אין שול אריין, באגינען
גייט זי גלייך מיט מיר.
זיצן קינדער אף די שול-בענק,
שטייט די זון אין טיר.

שפעטער, אינעם הויף, בא פויזע,
טאנצט זי אויך אין ראָד.
היינט האָט זיך די זון פארשלאָפן,
אך, וואָס פאר א שאָד!

וועל איך מאָרגן זי שוין וועקן,
פרי אין שול צו גיין.
ס'דארף א שילערן זיין פלייסיק,
פויל זיין איז נים שיין...

פלאַטערל, פלאַטערל!

פלאַטערל, פלאַטערל! — גיב נאָך א פלאַטער,
איידער דער טאָג לעשט זיך אויס.
איידער די גאָלדענע זון שיקט איר לעצטן
און ווארעמען קוש צו דער רויז.

נאָך איידער דער לעצטער טריל פונעם פויגל,
וועט זיך אין בענקשאפט פארגיין.
פלאַטערל, פלאַטערל! — גיב נאָך א פלאַטער,
שיין איז דיין פלאַטערן, שיין! . . .

זון מײַנער

די שולע איז פרעמד מיר געװעזן, מײַן זון.
און פרעמד אויך די שפּראַך פון די ביכער און לידער:
מײַן שולע איז דער חדר, דער אלטער געװען,
דאָס אײנציקע בוך — דער אלטפרענקישער סדור.

און שװער איז אין חדר דאָס קנעלן געװען:
אָן שפּיל, אָן געזאַנג און ניט אײנמאָל אָן עסן.
אף צאָלן שכר־לימוד פלעגט טײלמאָל, מײַן זון,
דײַן באָבע די מעשענע לײַכטער פאַרזעצן.

דאָס צאָלן שכר־לימוד פלעגט אָפטמאָל באַנאַכט
דײַן גלױביקן זײדן דעם שלאָף אָװעקרױבן.
און איך האָב די בײדע געירשנט, מײַן זון:
דעם ביטערן דלות, דעם ליכטיקן גלױבן.

און איך האָב דעם גלױבן מיט טרערן געזײט
אף פעלדער, אף נײַע — איצט שנײַד איך אין פרײדן:
א ליכטיקע שולע מיט ליד און געזאַנג
צאָל איך דיר, זון מײַנער, אָפּ פאַר מײַן חדר.

מײַן טעכטערל װײנט ניט

מײַן טעכטערל — א גוטינקע.
װײנט ניט קײנמאָל, נײן,
נאָר באַם עסן און באַם טרינקען
און — באַם שלאָפן גײן.

אינדערפרי באַם קעמען זיך,
נימט זי אויך א װײן. —
װאָסושע װײנט מײַן טעכטערל?
איך דאַרפט אלײן פאַרשטײן:

ס'װײנט דערפאַר מײַן טעכטערל,
בלויז דערפאַר אלײן,
עס זאָלן אירע אײגעלעך
גלאַנצן נאָך דעם שײַן...

באַגינען אַנטקעגן

זעט איר די שויבן,
נאַכט איז צערונען,
שמייכלט אין פענצטער
העל דער באַגינען.

מיט זוניקע שטראַלן
מײַן פענצטער צעגליט זיך,
א בוים בײַ מײַן פענצטער
ווערט יונג און צעבליט זיך.

באַצירט זיך מיט קנאָספּן,
מיט בלעטער באַקליידט זיך.
צעוועקט זיך אין וויגל
מײַן פּיצל און פרייט זיך.

און שטרעקט אוים די הענטלעך
באגינען אנטקעגן,
דעם פרילינגס-באגינען,
אף זוניקע וועגן.

אַ בּרודערל

א ברודערל האָט לאהלע —
א פּיצעלע — אזא.
שלאָפט עס איין איר ברודערל
שווייגן אלע — שא!

וואכט עס אויף דאָס ברודערל,
זיינען אלע וואך.
אלע לאכן, פרייען זיך,
ווען דאָס פּיצל לאכט.

וויל איך אויך א ברודערל,
ווי לאהלע פארמאָגט.
וועל איך מיטן ברודערל
שפּילן יעדן טאָג.

בעט איך בא דער מאמען זיך:
זיי א גוטע, מאַ! —
קויף מיר אויך א ברודערל,
ווי לאהלעס, אזא.

כ'וועל דערפאַר שוין פאָלגן דיך,
טאָן, וואָס דיר געפעלט.
שמייכלט מאַמע: „וואַרט נאָך אונטער,
איצט — ניטאָ קיין געלט."

שווער צו זיין אַ מאמע

ס'איז שווער צו זיין א מאמע,
אך, ווי דאָס איז שווער! —
וואָס די מאמע זאָל מיר הייסן,
טו איך אַלץ פארקערט:

ווען די מאמע הייסט מיר שלאָפן,
וויל זיך מיר זיין וואך.
וואָס די מאמע הייסט ניט עסן,
עס איך גראָד א סך.

ווען די מאמע הייסט מיר שטיל זיין,
טאנץ איך און איך זינג.
און פאר געסט — זי הייסט מיר זינגען,
פאָלגט מיך ניט די צונג...

פאל ניט — זאָגט זי — היט זיך, קינד מיינס,
פאל איך איינס און צוויי!
איך צעקלאפּ זיך, וויינט די מאמע,
טוט עס איר גאָר וויי...

אַז מײַן טעכטערל שלאָפֿט אײַן

אַז מײַן טעכטערל שלאָפֿט אײַן,
שלאָפֿט די גאַנצע שטאָט מיט איר,
שלאָפֿן הײַזער, שטיל און שאַ,
רוט אין יעדער הויז די טיר.

שלאָפֿן פֿענצטער מידע אײַן,
מאַכן זיך די לאָדנס צו. —
אַז מײַן טעכטערל שלאָפֿט אײַן,
שלאָפֿט די גאַנצע שטאָט אין רו.

נאָר די שטערן אין דער הייך,
האַלטן זייערע אויגן וואַך
און מײַן טעכטערל פֿון בײַז
היטן זיי אַ גאַנצע נאַכט.

פון וואנעט ווייסט די זון?

פון וואנעט ווייסט די זון
ווען ס'איז פרי און שפעט?
ווען מען דאַרף באנאכט
שלאָפן גיין אין בעט?

און אף מאָרגן פרי
אויפשטיין אין דער צייט?
אויסבאהאלטן זיך
ווען א רעגן גייט?

אין די שיינע טעג,
שפאצירן גיין אליין?—
ס'איז דאָך נאָך די זון,
אַט אַזוי — אַ קליין!

מ. פייגענבלום

שלום עליכם

(צו זיין אכציקסטן געבוירנטאָג)

שלום עליכם — ווער קען אים דען ניט?
— געווען צווישן יידן, „א פשוטער ייד.״

פשוט אַף יידיש געשריבן, גערעדט.
עס האָט יעדעס וואָרט זיינס באַם הארצן געגלעט.

עס האָט יעדע מעשה אונדז פריילעך געמאַכט. —
האָט מען די מעשהס געלייענט און געלאַכט.

האָבן די פריילעכע מעשיות געהערט:
טאַטעס מיט לאַנגע, פאַרקאַלטנטע בערד.

מאַמעס פאַרדאַגהטע, דינסטן אין קיך
און שוסטער-געזעלן באַם פלעקלען די שיך.

און ס׳האָבן זיך קינדישע אויגן צעשיינט —
באַם הערן די מעשיות — און שיינען נאָך היינט.

און וועלן אין ליכטיקן מאָרגן, נאָך מער,
שיינען מיט לויטערער פרייד, אָן א טרער...

א קינדעריי וועגן שניי

ריידן קינדער וועגן שניי,
ריידן קינדער — קינדעריי.
איינער טוט א זאָג אזוי:
שניי איז, ווי דער הימל בלוי.

שניי — זאָגט ער — איז דאָס וואָס שנייט.
זומער וואקסט ער אף א בייט,
ווי, למשל, הייפּטלעך קרויט.
רייכע עסן דאָס מיט ברויט.

זאָגט דער צווייטער: ווייס איך דאָרט!
און ער שווערט זיך אפּן וואָרט:
שניי איז רויט, ווי רויטער מאָן.
שניי איז דאָס, וואָס שנייט אָן...

ווער פאַרשטייט דאָס ניט אליין? —
רייכע מישן דאָס מיט כריין
און קבצנים אלערליי,
מאכן גאָמלקעס פון שניי.

לאכט דער דריטער פון די צוויי:
שניי — זאָגט ער — איז ווייס, ווי — — שניי
שניי איז — ווילט איר ויסן מער? —
פרעגט אייך בא דעם ווייסן בער.

פרעגט אייך בא די עסקימאָסן,
זיי פאַרשטייען אונדזער לשון. —
יידיש לשון איז באקאנט
אויך אין עסקימאָסן-לאנד...

דריי קינדער

פון וואנעט ווייסט די מאמע
וויפל איך בין אלט?
ווערסט שוין — זאָגט זי — קינד מיינס,
גאנצע פיר יאָר באלד.

פרעג איך בא דער מאמען:
מאמע, ווען איז „באלד"?
און צי ווערט די מאמע
אויך שוין פיר יאָר אלט?

און איך וויל אויך וויסן
וויפל ס'איז א יאָר.
נאָר די מאמע שמייכלט: —
ביסט א קינד נאָך גאָר.

איז דאָך נאָך די מאמע,
אויך א קינד, ניט מער. —
כ'האָב עס פון דער באָבען
היינט אליין געהערט...

אויכעט אַף דער באָבען,
הער איך, ווי מען זאָגט:
„קינדיש ווערט די באָבע
מער מיט יעדן טאָג.“

זיינען אַלע ביידע
קינדער גלייך, ווי איך. —
איך — אין קינדער-שיכלעך,
זיי אין גרויסע שיך...

מיר וואַקסן, מיר וואַקסן! *)

מיר וואַקסן, מיר וואַקסן! — פון קליין ווערן גרויס.
די נאַכט הינטער אונדז און דער מאָרגן פאָרויס.
דעם מאָרגן אַנטקעגן צו שפּאַנען מיט פרייד,
מיר לערנען זיך פלייסיק און מאַכן זיך גרייט!

עס גרייט אונדזער שולע צום מאָרגן דעם וועג;
זי קייטלט, ווי גילדענע רינגען די טעג,
אין איין גילדענער קייט, דעם נעכטן און היינט,
צום מאָרגן, וואָס קומט שוין אַנטקעגן צעשיינט!

פאָרויס צו דעם מאָרגן, צום העלן באַגין!
ווי יידישע טעכטער, ווי יידישע זין!
מיט יידיש אויף אונדזער צעפלאַטערטער פאָן,
אין פענער געפלאַטער, שטאָלץ, אויבנאָן!

אין פוסטריט פון דורות, די פאַקלען צעהעלט!
מיר קומען אָנצינדן דעם טאָג אויף דער וועלט.
דעם ליכטיקן מאָרגן פון פרידן און פרייד. —
מיר וואַקסן און לערנען און מאַכן זיך גרייט!

*) דאָס ליד האָט געוואונען אַ העלפט פון דער ערשטער פּרעמיע, אויפן קאָנקורס פאַר אַ שול־הימן, דורכגעפירט פון דער שולע „דר. חיים זשיטלאָווסקי", דעם 6טן אָקטאָבער 1944.

גוטמאָרגן! *)

גוטמאָרגן, גוטמאָרגן, דער טאָג העלט שוין אויף!
עס וועקן די פייגל אין נעסטן זיך אויף.
עס ווערן צערונעז די נעפּלען אין פעלד,
פון נעפל ארויס העלט א ליכטיקע וועלט!

און קינדער, ווי בלומען אין בייטן צעבליט,
אין מונטערע רייען, מיט ריטמישע טריט,
מיר שפּאנען דעם מאָרגן אנטקעגן מיט פרייד,
דעם ליכטיקן מאָרגן דורך דורות פארזייט.

שלאנקע די רייען, א ריי-נאָך-א ריי,
בלאנקע, ווי ס'בלאנקט אף די אנדן דער שניי,
פריי, ווי די שטראָמען אין פלאַטאָ צעררישט,
מיר שפּאנען אנטקעגן דעם מאָרגן ארויס!

גוטמאָרגן, גוטמאָרגן, דער טאָג העלט שוין אויף!
עס וועקן די פייגל אין נעסטן זיך אויף.
עס ווערן צערונעז די נעפּלען אין פעלד,
פון נעפל ארויס העלט א ליכטיקע וועלט!

*) דאס ליד האט געוואונען די דריטע פרעמיע, אפן קאנקורס פאר א שול-הימן, דורכגעפירט פון דער שולע „דר. חיים זשיטלאווסקי", דעם 6טן אקטאבער 1944.

ברויט

אַ מעשה מיט אַ פּשוט ייִנגל

קינדער, הערט, איך וועל אייך זינגען
פון אַ פּשוט, אָרעם ייִנגל.
פון אַ ייִנגל, וואָס האָט גאָרניט
און קיין פולע צענדליק יאָר ניט.

גאָרניט, נאָר צוויי הענטלעך האָט ער
און — אַ קראַנקן, בלינדן פאָטער.
אַז דער פאָטער איז אַ בלינדער
זײַנען הונגעריק די קינדער.

טוט אַ זאָג דאָס עלטסטע יאַטל
צו דעם קראַנקען, בלינדן טאַטן:
„ניט געדאַגהט, פאָטער, ליבער
מיר איז שוין נײַן יאָר אריבער...

איך וועל שוין צו אַרבעט טויגן.“
גלאָצט דער פאָטער בלינד די אויגן.
הויבט די מוטער אָן צו וויינען.
נעמען מוסרן די שכנים.

ווײַל דאָס ייִנגל גאָרניט הערן,
טוט אַ שאַר דעם לאָק פון שטערן:
נעמט אַ צוואַנג און נעמט אַ האַמער,
שלאָגט אַ קעסטעלע צוזאַמען.

אויף אַ בענקעלע צו זיצן,
נעמט ער האַמערן און שניצן,
ביז ער שלאָגט עס אויף פון ברעטער
און ער טוט אַ זאָג: „ביז שפּעטער!“

אָפּגעזאָגט און איז פאַרשוווּנדן,
ביז דער אָוונט האָט געצונדן

איבער גאסן די לאמטערן
און אין הימל־בלוי די שטערן.

אָט, אין יענע אָוונט־שעהן,
ווען אַף ווייכע בעטלעך רוען,
מיט חלומות, זאטע קינדער,
האָבן שטערן זיך געוווּנדערט:

האָבן שטערן ניט פארשטאנען,
ווי א קינד לויפט אַן א מאמען,
אין די שפּעטע אָוונט־שעהן,
ווען עס דארפן קינדער רוען.

נאָר, וואָס ווייסן דאָרטן שטערן
אין די הויכע, בלויע ספערן,
אז דאָס קינד לויפט מיט א ברייטל,
פריש, נאָר וואָס געקויפט אין קלייטל?

קוקן זיי מיט טויזנט אויגן,
ווי דאָס קינד לויפט, פייל־פון־בויגן,
ניט דערעסן און א מידער,
טאנצנדיק מיט אלע גלידער...

קומט עס אלע נאכט, דאָס יינגל,
(וואָס מיר האָבן דאָ באזונגען)
מיט א ברייטל, פריש געבאקן. —
נעמען ציינדלעך פריילעך קנאקן.

נעמען קינדער־אייגלעך גלאנצן
און עס הויבן אָן צו טאנצן:
גאָפּל, מעסער, לעפל, טעלער
און דאָס לעמפל פלאמט אויף העלער.

— — — — — — — — — —

עסן אַלע טאָג די קינדער.
עסט דער טאטע אויך, דער בלינדער.
עסן קינדער און דער טאטע —
איז די מאמע שוין א זאטע...

אזוי
האָט אַ קינד, אַן עלענטס געטראַכט

אזוי האָט א קינד אַן עלנטס געטראַכט:
„ווען איך זאָל נאָר האָבן א בעט אף באנאכט.

אַ בעט, ווו צו שלאָפן און גאָרנישט-ניט מיין! —
יאָ, און צום בעט נאָך א ווארעמע היים.

דארף אויך א קינד פון א היים און א בעט,
האָבן א מאָלצייט אָפּעסן צו זעט.

א קינד, וואָס איז זאט דארף אויך אָנצוטאָן זיך,
און לייטישע קליידער, און לייטישע שיך.

און קינדער, וואָס זיינען באשוכט און באקליידט,
דארפן אויך צערטלעכקייט האָבן און פרייד.

פעלט מיר ניט מער ווי: א היים און א בעט.
קליידער און שיך און א מאָלצייט צו זעט.

טאטע און מאמע און... מער ניט קיין זאך! —"
אזוי האָט א קינד, אַן עלנטס געטראכט.

א גייענדיק קרעמל

מיין טאטע איז רייך, אָט, זעט וואָס ער האָט! —
א וווּנדערלעך קרעמל, וואָס וואנדערט אין שטאָט.
א קרעמל וואָס וואנדערט גאס-אויס און גאס-איין.
איר חידושט זיך גאָר, ווי א קרעמל קען גיין? —

ס'איז ניט אַף אַן אמת, עס דאכט זיך נאָר אויס.
דאָס גייט גאָר מיין טאטע, גאס-איין און גאס-אויס;
דאָס קרעמל מיט סחורה צעהאַנגען אַף זיך:
פון פאָרנט פארשידענע בענדלעך צו שיך.

דערלעבן קראוואטן און פאסקעס א פּאָר.
אין האנט האלט ער ביליקע קעמלעך צו האָר.
די צווייטע פארלייגט איז מיט טיכלעך צום נאָז.
מיט זאָקן און שלייקעס און... ווייס איך דאָרט וואָס!

איך ווייס נאָר, דאָס קרעמל מיין טאטנס, איז גרויס!
קוים וואָס מען זעט אים פון קרעמל ארויס...
גלייך ווי ניט ער, נאָר דאָס קרעמל אליין
וואנדערט אין שטאָט אום, גאס-אויס און גאס-איין.

אַ זון

פּערציק צימערן אין הויף:
צוואַנציק לינקס און צוואַנציק רעכטס.
פערציק קיכלעך האָט דער הויף,
יעדעס קיכל — מיסט א בלעך.

ראָיען אין די בלעכן מיסט,
גאַנצע טשאַטעס הינט און קעץ.
און פון נאַסער וועש אַראָפּ,
טריפט אין הויף אַריין די נעץ.

טריפט די נעץ אין יעדער שטוב,
פון די ווענט און פון סופיט. —
וואַקסן קינדער בלייכע אויס,
שוואַך, מיט וואַקלענדיקע טריט.

וואַקסן בא די קינדער אויס,
ווי די בייגל קרומע פיס.
ריידן טאַטעס מיט א כריפּ
און פאַרגייען זיך אין הוסט.

שלעפּן זיך די מאַמעס קוים,
מיט א וויטיק אין געלענק.
ס'איז בא יעדן טריב דער בליק;
נאָך א זונען-שטראַל פאַרבענקט.

אַלע טירן צוגעמאַכט

הייזער האָט די שטאָט א סך,
אין יעדן הויז איז דאָ א טיר,
נאָר אַלע טירן צוגעמאַכט
און צוגעשלאָסענע פאַר מיר.

אין יעדן הויז איז דאָ א טיש,
אױף יעדן טיש — א מאָלצייט גרייט:
א לעפל זופּ און ברויט א בים
און טאַטע-מאַמע בײַ דער זייט.

אין יעדן הויז איז דאָ א בעט,
א וואַרעם בעט מיט בעטגעוואַנט.
עס וואַרט אױף יעדן קינד א גלעט,
א ווייכער גלעט פון מאַמעס האַנט.

עס וואַרט א היים אױף יעדן קינד,
א וואַרעם ווינקעלע, א דאַך,
מיך נאָר צערטלט בלויז דער ווינט,
מיך טוליעט אין איר שויס די נאַכט...

ס׳פעלט אים ניט קיין סך...

אין קאַרעדאָרל, ענג און שמאָל,
זיצט א שוסטער מיט אן אָל,
כאַפּט א שטיפטעלע פון מויל
און פארקלאַפּט עס פלינק אין זויל.

פרעג איך אים: „העי, שוסטערוק:
מיטן האמער — נאָך א סטוק,
מיט דער דראטווע — נאָך א צי,
זאָג, וואָס האָסטו פאר דיין מי?״

זאָגט דער שוסטער: „גאָט זיי דאנק!
כ׳האָב א האמער מיט א צוואנג,
כ׳האָב א בענקל אַף דריי פיס
און אמאָל אויך ברויט א ביס.״

וואָס באַדאַרף א שוסטער נאָך? —
בלויז א טאג צו יעדער וואָך,
צו יעדן טאָג, כאָטש נאָך א שעה
און פרנסה, ווען ס׳איז דאָ!...

ווען ניט די מייז...

די ביימער גיבן פרוכטן,
די ערד גיט ברויט און זאלץ.
די קו גיט מילך פאר יעדן,
פוטער, פלייש און שמאלץ.

וואָל גענוג אף קליידער
גיט די שאָף מיט פרייד,
שטייט א פולער שפייכלער
מיט אלעם גוטן גרייט:

מיט קאָרן און מיט ווייצן,
מיט קאַווע און מיט רייז —
האָבן אינעם שפייכלער
זיך פארקליבן מייז.

צעשלעפן זיי פון שפייכלער,
וואָס ס׳איז נאָר פארגרייט:
דאָס קאָרן און די ווייצן,
די וואָל, וואָס אף א קלייד.

גייט די וועלט אום נאַקעט,
פשוט — נאקעט-הויל,
קיין קליידל אפן לייב ניט,
קיין ביסן ניט אין מויל...

איין חסרון!

בערל בעקער באַקט אַ בייגל,
קוועלט גאָר אָן די מומע פייגל:
„סאַראַ בייגל, אַן אַנטיקל!"
און זי גיט מיר אויך אַ שטיקל.

עס איך אויף דאָס שטיקל בייגל
און איך זאָג דער מומע פייגל:
„סאַראַ בייגל, אַן אַנטיקל! —
נאָר אַביסל קליין דאָס שטיקל..."

ברויט פאַר אַלע

בעקער, בעקער! קנעט דאָס טייגל.
באַק אַ זעמל, באַק אַ בייגל.
באַק אויס חלות, פרישע ברויטן,
פאַר די קינדער הינטער פלויטן.

פאַר די פרעמדע אַף די שוועלן,
פאַר די מאַמעס מיט געשטעלן,
וואָס פאַרקויפן פרישע ברויטן,
אַף די פונטן, אַף די לויטן.

און פאַר די פאַרשעמטע היימען,
אָן אַ פלעמל אינעם קוימען,
אָן געקעכץ, אָן ברויט אַ ביסן,
אַף די אָפגעדעקטע טישן.

באַקושע, בעקער, ברויט און חלה,
זאָלן עסן אַלע, אַלע!...



צוויי פּרנסות

זומער צייט האנדלט מיין טאטע מיט אייזקרעם,
מיט שטרויענע ניסלעך — אין ווינטער.
האָט ער אין צווייען פּרנסה, מיין טאטע,
דאָס איבריקע הונגערט מען אונטער...

ווי שיין מיר געפעלן דעם טאטנס פּרנסות:
אייזקרעם און שטרויענע ניסלעך.
דאָס, וואָס מען הונגערט צוביידע פּרנסות,
דאָס איז אביסל פאַרדריסלעך.

ברודער פּויער!

גיב דיין האַנט מיר, ברודער, פּויער!
דיין מאָזאָלעדיקע האַנט.
אונטער פרייע הימלען, בלויע,
איז פאַר יעדן פּלאַץ פאַראַן.

איך וועל אויסשמידן טראַקטאָרן,
דו וועסט אַקערן און זייִן.
וועלן בלויִלעכע קאַיאָרן
אונדז אַנטקעגן העל אויפגייִן.

איך וועל דייַנע הייזער בויען,
דו וועסט פלאַנצן מיר אַ סאָד.
גיב דיין האַנט מיר, ברודער, פּויער,
אונדזער זיינען דאָרף און שטאָט!...

אין טונקעלן טונעל

אונטן, אונטן, אונטר ערד,
אין א טונקעלן טונעל,
אַף א פלינק, עלעקטריש פערד,
יאָגט און יאָגט א באן זיך שנעל.

פאַ-אַ-רויס! פאַ-אַ-רויס!—
פייפט מיט אימפעט אויס די באן,
און א לעמפעלע, א בלויס
טוט א ווינק צום מאָטאָרמאן:

נאָר געיאָגט! נאָר געיאָגט!—
ווינקט אזוי דאָס לעמפל צו;
נאָך א שווערן ארבעטס-טאָג
דארפן טאטעס האָבן רו.

נאָך דער ארבעט אין פאבריק
ווארט נאָך וואו אן אָרים הויז.
און מיט בענקשאפט אינעם בליק
קוקט א קינד זיין טאטן אויס.

אף א ניט געדעקטן טיש,
ווארט א מאָלצייט-קוים צו זעט;
זופ א לעפל, ברויט א ביס
אין דערנאָך-א הארטלעך בעט.

אונטן, אונטן, אונטער ערד,
אין א טונקעלן טונעל,
אַף א פלינק עלעקטריש פערד,
יאָגט און יאָגט א באן זיך שנעל.

א קינד פון דער נאַם

עס זיינען צו שיך מיינע פיס ניט געוווינט.
מיין גוף ניט געוווינט צו קיין וואַרעמען קלייד.
מיין לייב איז פון רעגן און ווינט ניט געשווינט.
מיין מאָגערע הויט איז מיט וווּנדן פאַרזייט.

פרעמד פאַר מיין קאָפּ איז א קישן, א ווייכס.
פרעמד פאַר מיין באַק איז א מאַמעס א גלעט.
װייל איך מיט הימלאָזע הינט גלייך-אָף-גלייך,
די ברעקלעך פון מיסט און די שוועל פאַר א בעט.

טאַקע, פאַרוואָס?

ערד איז דאָ.
דער אַקער איז גרייט.
און הענט זיינען גרייט צו
יעדער מינוט. —
פאַרוואָסזשע, פאַרוואָס איז
דאָס פעלד ניט פאַרזייט,
ניט צעבליט?

שטעט זיינען דאָ.
די גאַסן פאַרפּוצט.
ס׳לאָקן די פענצטער מיט
שפּייז און א מאָס. —
פאַרוואָס קלייבן מענטשן
די ברעקלעך פון מיסט?
טאַקע, פאַרוואָס?

יעדער טוט זיין אַרבעט

דער גערטנער פלאַנצט דעם גאָרטן.
דער פאַסטוך פאַשעט די שאָף.
דער קנעכט באַארבעט דאָס גוט.
און דער פריץ וואָס טוט?
— דער פריץ עסט און שלאָפט.

דער מויערער מויערט הייזער.
דער מאָלער מאָלט די ווענט.
דער שלאָסער מאַכט דעם שלאָס.
און וואָס טוט דער באַלעבאָס?
— דער באַלעבאָס נעמט רענט.

דער גענעראַל פירט מלחמה.
דער פאַבריקאַנט פאַרקויפט געווער.
דער קעניג מאַכט פאַראַד.
און וואָס טוט דער פשוטער סאָלדאַט?
— ער ווערט געהרגעט, ניט מער!...

פענצטער פון זון

ציגל, ליים און זאמד
און פארבראוינטע הענט.
פאר א נייער היים
בויען מיר די ווענט.

פאר א נייער היים,
פאר א נייעם הויז.
זיין וועט אונדזער היים,
ווי די ערד די גרויס.

ביז דעם הימל הויך
גרייכן וועט דער דאך.
פענצטער וועלן זיין
פון לויטער זון געמאכט.

טירן וועלן זיין
אָפן, אָן א שלאָס.
אָן א הונט באם טיר,
אָן א באלעבאָס...

דעם נעגערס טרער

כ'האָב אַמאָל געזען אַ נעגער,
שוואַרץ אײַנגאַנצן, ווי אַ קויל,
נאָר צוויי שורות ווײַסע צײנער
האָבן העל געבלאַנקט אין מויל.

אויך אַ וואונדער — וועט איר זאָגן —
ווערזשע ווייסט עס ניט אַליין? —
אַלע נעגערס זײַנען שוואַרצע
און זיי האָבן ווײַסע צײן.

אמת, דאָס איז ניט קיין וווּנדער,
נאָר דער וווּנדער איז גאָר דער:
וואָס אין זײַנע שוואַרצע אויגן
האָט געפינקלט העל אַ טרער.

אַזאַ לויטערע, אַ רײנע!
אָט, דאָס קען איך ניט פאַרשטיין:
אויגן האָט דער נעגער שוואַרצע
און זײַן טרער איז לויטער, רײן...

א פענצטער

ליב האָט די זון זיך צו שפּילן מיט קינדער,
בענקען די קינדער נאָך זון און נאָך שיין.
שטייען די הייזער אָן פענצטער, ווי בלינדע
און לאָזן די זון ניט אריין.

בלייבן אָן זון זיך די קינדישע באקן,
קוקן די אויגן פארבענקטע ארום.
דארף מען אין וואנט נאָר א פענצטער אויסהאקן
און ברענגען די זון אינעם הויז...

J. SOKOLOVSKI.

דריי ראָסן

ווייס איז די מאַמע,
א נעגער דער טאַטע,
דאָס קינד — איןביידע געראָטן:
האָר האָט עס בלאָנדע
און אויגן — קויל-שוואַרצע.
א שפּיל — פון ליכט און פון שאָטן.

ציין האָט עס בלאַנקע,
א פּנים, א ברוינלעכס,
ווי קאַווע מיט מילך צוזאַמען.
גלעט אים דער טאַטע
די הערלעך די בלאָנדע,
די אויגן עס קושט אים די מאַמע...

אף די טיפע גרונטן

אין די בערג, די אלטע,
אין די פעלזן-שפאלטן,
אף די טיפע גרונטן
ליגן שטורעם-ווינטן.

ליגן שוין פון צייטן,
הענט און פיס אין קייטן,
פליגל - פול מיט וואונדן,
צו א פעלז געבונדן.

טרעפט זיך. אז די ווינטן
אף די טיפע גרונטן,
הויבן זיך אָן וועקן,
הויבן זיך אָן שטרעקן;

נעמען קייטן קלינגען,
ווערן לויז די רינגען
און די קייטן פאלן.
הערט מען דונערס קנאלן.

זעט מען פליען בליצן
איבער פעלזן-שפיצן,
אז די בערג, די אלטע,
הויבן אָן זיך שפאלטן.

מ. פייגענבלום

זאָל בליִען פרייד

בלוי דער הימל אויסגעשפּרייט,
בלויִלעך בליט דער בעז.
און פון לענדער, ווייט, מיט פרייד,
קומען פרילינג-געסט:

ווינטלעך פרילינגדיקע, פריש,
פייגל מיט א פרייד-געזאנג. —
געסט איר ליבע, זייט געגריסט!
זאָל דער פרילינג זיין אָן לאנג.

זאָל ער קיינמאָל ניט פארגיין;
אומעטום זאָל בליִען פרייד.
זאָל די ערד א גאָרטן זיין,
יעדעס לאנד — א בלומענבייט...

אַ זוניקער טאָג

ווייס איך, אַז נאָך יעדער נאַכט
קומט אַ טאָג צו גיין,
נאָר אַ מאָל, פאַרוואָלקנט, שוואַרץ,
אַמאָל מיט זונענשיין.

איצטער איז אַ שוואַרצע נאַכט,
פול מיט שרעק און פּיין.
זאָל דער מאָרגנדיקער טאָג
אַ זוניקער כאָטש זיין...

אָן אַרבעט

שטום און פאַרשטיינערט שטייט די פאַבריק.
דער סירענע-פייף אין האַלדז דערשטיקט.

דער ׳טויער פאַרהאַקט, די פענצטער אָן ליכט.
די שויבן פאַרוועבט מיט שפינוועבס געדיכט.

דער אויוון — קאַלט און שוואַרץ אָן א פונק.
דער קוימען — א לאַנגע חוזק-צונג...



פון פאבריק

װען איך קום פארנאכט-צו אהיים פון פאבריק,
לױפט מיר אנטקעגן, מיט פרײד אינעם בליק,
מײן טאָכטער, מײן קלײנע, אַ פיצל, אזא...
און גריסט מיך פון װײטן: „האָלאַ פּאַפּאַ!”

און גלײך אױף די הענט צו מיר טוט זי א שפּרונג.
װערן די הענט, מײנע מידע, מיר גרינג.
און כ׳גלעט איר די לאָקן, איך קוש איר פּאר פרײד.
מײן טעכטערל פלאפלט, דערצײלט און דערצײלט.

דערצײלט מיר פון אלץ, װאָס געשען איז אין טאָג:
װי הינטעלע האָט זיך נאָך קעצל געיאָגט,
װי ס׳איז איר די ליאלקע — דערצײלט זי פארטרערט —
נעבעך ארונטערגעפאלן אױף דער ערד
און האָט זיך — אז װײ איז דעם טאטן און װינד —
דאָס נעזל צעקלאפּט און א פּיס אױסגעקרימט.

הער איך זיך אײן אין מײן טעכטערלס רײד,
באװײזט זיך פון ערגעץ אין שטיבל די פרײד
און טרעט שױן דעם אָװנט ניט אָפּ פון דער שװעל.
װערט אין מײן שטיבל אלץ ליכטיק און העל:

העלער דאָס טונקעלע לעמפּעלע ברענט.
גרױמער עס װערן די ענגע פיר װענט.
די לופט אינעם שטיבל װערט לײכטער און פריש.
געשמאקער דאָס טרוקענע ברױט אױפן טיש...

דער ווינטער ווינט

ס׳האָט דער ווינטער זיך, מסתמא,
ניט געקויפט קיין ווינטער-שיך,
גייט ער נעבעך אום פּאַרקאַטערט,
צוגעקילט אַזוי, ווי איך.

צוגעקילט און אויך אַ הוסטל
האָט ער, ניט פאַר אייך געדאַכט;
קוקט ער מיט פאַרטרערטע אויגן,
וויינט דער ווינטער טאָג און נאַכט.

נאָר ס׳איז, דוכט זיך, אָן סכּנות.
ס׳וועט אים גאָרניט זיין דערפון.
ס׳פעלט דעם ווינטער, גלייך, ווי מיר:
אַביסל פרישע לופט און זון.

א בויער

ס׳וואָלט די וועלט — דאָס ווייסן אַלע —
שענער, בעסער זיין געקענט. —
האָבן אירע קאָנסטרוקטאָרן
שלעכט געלייגט איר פונדאמענט.

דארף מען זי איצט איבערמאכן,
איבערבויען פונדאַסניי. —
ווער עס וויל נאָר זיין א בויער
דער זאָל שטעלן זיך אין ריי.

ס׳איז א זכיה זיין א בויער,
אָ, ניט יעדער קען און מעג! —
מען דארף האָבן שטאַרקע מוסקלען
און א הארץ גאָר אָן א פלעק...


באם רונדן טיש



סטאָליער, הובליע — טשיש-טשיש-טשיש!
מאַך א גרויסן, רונדן טיש.
א ברודער-טיש פאר ברויט און וויין,
עס וועט א גרויסע סעודה זיין.

וועלן זיצן גרויס און קליין,
בא דעם טיש מיט ברויט און וויין.
אויבנאָן — דער שענצטער צד:
דאָרט וועט זיצן סטאַלינגראד!

און מיט סטאַלינגראד באנאנד,
סאמע בא דער רעכטער האנט,
איז פאר לאָנדאָן גרייט אן אָרט,
וועט זיך זעצן לאָנדאָן דאָרט.

און פון לינקס — באַם אויבנאָן,
דאָרט וועט זיצן וואשינגטאָן.
יאָ, דער העלדישער שאנכאי
קומט אן ערן-אָרט אין ריי!

און נאָך בענקלעך שטעלט צום טיש,
פאַר וואַרשע, פּראַג, אַטען, פּאַריז;
דעם געשענדעטן פּאַריז
קומט אַן אָרט באַם ברודער-טיש.

און פאַר טאָקיאָ, רוים, בערלין?
פאַר דער שוואַרץ און ברוינער שפּין,
איז שוין לאַנג אַן אָרט געגרייט:
— אַ ברודער-קבר, טיף און ברייט!

יאַנואַר 1943

פשוט און פראָסט

איך שרייב אַן אַ בריוו צו דער באָבעניו מיין.
לייג איך דעם בריוו אין פּאָסט-קעסטל, אריין.
היי, מענטש פון דער פּאָסט, דו ווייסט אַלץ, דו ביסט גרויס,
זאָלסט ברענגען דעם בריוו צו מיין באָבען אין הויז.

נאָר טאָמער, דו טרעפסט שוין דאָס הויז דאָרט ניט מער,
ס׳האָט עס דער היטלער פארלענדט און צעשטערט,
טאָ, זאָלסטו אים זאָגן, דו מענטש פון דער פּאָסט,
דעם אומגליק, דעם היטלער, גאָר פּשוט און פראָסט:

אז באָבע האָט אייניקלעך, א סך, אָן א צאָל!
אַף בארג-שפּיצן הויכע, אין וואַלד און אין טאָל. —
און נאָך זאָלסטו זאָגן, דו מענטש פון דער פּאָסט,
דעם אומגליק, דעם היטלער אַף לשון, גאָר פראָסט:

מיר וואקסן און לערנען און מאכן זיך גרייט.
און זאַמלען צונויף זיך פון נאָענט און ווייט.
און ועלן זיך לאָזן אַף פליגלען פון ווינט,
צום לאנד פון די היטלערס. — אז וויי און אז ווינד

װעט זײַן צו די היטלערס, װאָס האָבן פֿאַרלענדט,
די הײם פֿון מײַן באָבע, דאָס הױז אירס פֿאַרבערענט!
אַזױ זאָלסטו זאָגן, דעם װיסטן דראַקאָן:
מיר גײען אַף אים און מיר קומען שױן אָן!...

יאַנואַר 1943.

ס'איז אַלץ, ווי געווען...

א בריוו האָט דער טאַטע היינט צוגעשיקט,
פון יענער זייט ים, פון דער שלאַכט,
האָט מאַמע דעם בריוו צום האַרצן געדריקט,
האָט מאַמע געוויינט און געלאַכט.

גלייך האָט די מאַמע דעם בריוו דורכגעלייענט,
באַם לייענען געווישט זיך אַ טרער.
די זון האָט איר אויער צום פענצטער גענייגט
און האָט זיך צום בריוו צוגעהערט:

שרייבט אונדז דער טאַטע — „ס'איז אַלץ, ווי געווען,"
אַז ער איז שוין ווידער געזונט...
אַ קלייניקייט בלויז מיט אים איז געשען,
עס לוינט זיך ניט ריידן דערפון.

ס'האָט אים אפילו ניט רעכט וויי געטאָן —
אַזוי שרייבט דער טאַטע אין בריוו —
אַ שפּליטערל בלויז, פון שונאס אַוויאָן...
די וווּנד איז געווען ניט גאָר טיף.

אַ ראַץ אין אַ פוס — „איז אויך מיר אַ וווּנד..."
איצט קען ער אַף קוליעס שוין גיין...
יאָ — און זיין האַנט — זי איז אויך שוין געזונט,
אָט, שרייבט ער דעם בריוו שוין אַליין...

אויגוסט 1938.

ס'וועט ניט געדויערן לאַנג

פרילינג האָט פון שלאָף דערוואַכט
און אין טיר אַריינגעלאַכט. —
האָב איך אויפגעמאַכט די טיר
און פאַרבעטן אים צו מיר:

בלייב שוין ליבער פרילינג דאָ!
מאָל דעם הימל לויטער, בלאָ
און די פעלדער גרין מאָל אויס
און מיט פרייד פיל אָן מיין הויז.

זע: דער טאַטע טרויעריק איז
און די מאַמע זיפצט און זיפצט
און מיין ברודער איז אַוועק,
צו אַ ווייטן, ווייטן ברעג!

דאָרטן — זאָגט מען — האָט אַ שלאַנג,
אַזאַ גיפטיקע און לאַנג,
איינגעוויקלט מיט איר עק,
אונדזער ערד — פון ברעג צו ברעג.

צו באפרייען אונדזער ערד,
קעמפט מיין ברודער מיט געווער,
מיט באפרייער אין איין ריי,
ביז די ערד וועט ווערן פריי.

בלייבזשע דאָ, ביז יענער צייט,
ביז די ערד וועט זיין באפרייט
פון דער שרעקלעך-בייזער שלאנג. —
ס'וועט שוין ניט געדויערן לאַנג...

אָקטאָבער 1942.

אַ שיף מיט מתנות

איך שיק אייך מיין מאנטל, אויך מיינע שיך
און ווארעמע קוש אָן א שיר.
כ׳וואָלט אייך געשיקט אויך א ווינטערדיק קלייד —
האָב איך נאָר איינס, וואָס אף מיר.

די שיך און דעם מאנטל באדארף איך ניט מער,
דאָ ווערט שוין ווארעם און שיין,
וועל איך זיך א באָרוויסע שפּילן אין גאס,
באָרוויס אין שול אריין גיין.

און וועט מיך א פרעג טאָן דער לערער אין קלאס,
ווו כ׳האָב מיינע שיכלעך געלאָזט,
וועל איך פארן לערער ניט שעמען זיך, ניין!
און ענטפערן וועל איך אים פּראָסט:

אז איך האָב די שיכלעך א שוועסטערל מיינס,
אף יענער זייט ים אָפּגעשיקט. —
אזוי וועל איך זאָגן דעם לערער אין קלאס
און הויך וועל איך האלטן מיין בליק...

וועלן אויך אנדערע קינדער אין קלאס,
פאר אייך דאָס אייגענע טאָן.
וועט ברענגען מתנות פאר אייך אונדזער שיף,
אונטער א זוניקער פאָן...

אויגוסט 1942.

ווו זיינט איר?

ווו זיינט אר איצט באָבע און זיידע?
ווו זיינט איר איצט מומעס און פעטערס?
אך, סאַרא טרויעריקע נייעס
דערציילן טאָג-טעגלעך די בלעטער!

ס׳דערציילט יעדע שעה אונדז די ראַדיאָ,
פון שחיטות, פאָגראָמען און געטאָס. —
לעבט איר נאָך באָבע און זיידע?
לעבט איר נאָך מומעס און פעטערס?

צי האָט איר א דאך אפן קאָפּ נאָך?
א בעט, ווו דעם קאָפּ אָנצולענען?
צי האָט מען דאָס אַלץ ניט געלאָזן
אין פייער פארצוקן, פארברענען?

מיי 1940.



אין מיטן שטורעם

זאמע, זע, וואָס פליט דאָרט, אויבן,
אין די שפּעטע אָוונט-שעהן?
— קינד, דאָס פליען רויטע אָדלערס,
קעגן שווארצע, בייזע קראָען.

מאמע, הער, עס פּויקט און קראכט,
דאכט זיך, אז די ערד צעשפּאלט זיך!
— קינד, די אלטע, פוילע וועלט,
זי נאָר קראכט איצט און צעפאַלט זיך.

מאמע, זאָג, אָט די. ווער זיינען,
מיט די לאנגע, בלאנקע שפּיזן?
— קינד, דאָס זיינען דיינע ברידער
אויפגעשטאנען, ווי די ריזן.

מאמע, מאַ! ווו גייען זיי
צווישן דונערן און בליצן?
— דיך פון אלדאָס בייז, מיין קינד,
גייען זיי מיט פרייד באשיצן!

יולי 1941.

א פרילינגס־טרער

מ. פייגענבלום

וויפל זיפצן, וויפל קרעכצן ברענגט דער
פרילינגס-ווינט אהער!
אויך דער בלויער פרילינגס-הימל ווישט זיך
שטילערהייט א טרער.

און די פרילינגס-זון, פאר בושע, האָט איר
פנים צוגעדעקט,
ווייל איר ליבע טאָכטער-ערד האָט, זיך מיט
שאַנד און בלוט באַפלעקט...

אויך דער גאנצער בלויער פרילינג איז
געהילט אין טרויער היינט,
וויזשע קען איך פריילעך זינגען? - זייט מיר
מויכל קליינע פריינט!

זייט מיר מויכל פארן טרויער, פריילעך זיין
איז היינט צו שווער;
ס'איז דער פרילינג פול מיט זיפצן און מיין
ליד-א פרילינגס-טרער...

סעפטעמבער 1942

פרילינג קומט

פרילינג קומט אין לאנד אריין,
איך דערקען אים לויט זיין גאנג.
נאָך א יאָר צייט וואנדערן
קומט ער ווידער מיט געזאנג.

וויל זיך לויפן אים אנטקעגן —
כ'האָב אזוי דעם פרילינג ליב! —
זיינען אָפגעצוימט די וועגן
און מיט טרויער איז די שטוב.

טאטע גייט ארום פארטרויערט,
ניט ער שלאָפט און ניט ער עסט.
מאמע איז געוואָרן גרויער
אין די לעצטע פּאָר מעת-לעת.

גרוי געוואָרן פון די גרוילן,
וואָס דער קריג האָט מיטגעבראכט.
(זי האָט ברידער נאָך אין פּוילן),
וויינט די מאמע טאָג און נאכט.

און דער טאטע שווייגט אינגאנצן —
(ס'איז נאָך ערגער פון געוויין...)
זיינס א ברודער איז אין דאנציק
און א צווייטער איז באם ריין.

שלאָגן זיך דעם טאַטנס ברידער
מיט דער מאַמעס — סאַראַ שרעק!
גייט דער טאַטע אום צערודערט,
וויינט די מאַמע גאַנצע טעג.

איז די גאַנצע שטוב אין טרויער,
דאַכט זיך אַלצדינג וויינט און קלאָגט,
וויזשע ווערט דער הימל בלויער,
לויטערער מיט יעדן טאָג?

סעפּטעמבער 1939.

א שמועס

האָסטו דיך! — אינמיטן פרילינג
דעקן וואָלקנס צו דעם הימל —
קלאָגט זיך פאר א בוים אין גאָרטן,
א פארחלשט פרילינגס-בלימל.

נאָר ניט קלאָגן זיך מיין בלימל —
זאָגט דער בוים — אומזיסט דיין טרויער;
וואָלקנס גייען גיך פאריבער
און דער הימל ווערט נאָך בלויער.

נו, א דאנק דיר, גוטער שכן! —
דו קענסט ווארטן — זיפצט דאָס בלימל. —
נאָר פאר מיר איז איינמאָל פרילינג,
איינמאָל בלויט פאר מיר דער הימל...

אין אַ בלויער נאַכט

אין אַ לויטער-בלויער נאַכט,
ווען דער הימל הענגט פאַרטראַכט,
פול מיט שטערנדלעך באַצירט,
מאַכט לבנה אַ שפּאַציר.

גייט זיך שטיל, פאַרטראַכטערהייט,
אויסגעפּוצט אין העלסטן קלייד,
אין דעם ריינסטן זילבער-ווייס. —
ווינקען שטערן אין אַ קרייז:

„זע, ווי שיין, זע, ווי פיין!"
הערט זיך די לבנה איין,
(זי פאַרשטייט די שטערן-שפּראַך...)
און זי שמייכלט צו פאַרטראַכט.

און זי ענטפערט אָפּ אַזוי:
„שיין די נאַכט, דער הימל בלוי,
יעדער שטערן גלאַנצט און שיינט,
נאָר איין שטערן — קוקט זיך איין —
ס'איז אַ וויסטע שאַנד און שרעק —
איז מיט מענטשן-בלוט באַפלעקט."

האָבן שטערן דאָס געהערט,
צוגעקוקט זיך צו דער ערד
און געבומען, איינס נאָך איינס,
לעשן זיך און שטיל פאַרגיין...

מיי 1943.



די וועלט איז געוואָרן בלינד

די וועלט איז געוואָרן בלינד, צי פאַרבלענדט,
גייט זי אַרום און זי טאַפּט בא די ווענט.
קלאַפּט מיטן שטעקן אין שטיינערנעם ברוק,
אַ טריט — און אַ סטוק, אַ טריט — און אַ סטוק.

גייט זיך די וועלט נעבעך הימלאָז און בלינד.
רייצן קונדסים אַף איר אָן די הינט.
בייסן די הינט מיט די הינטישע ציין
אין לייב פון דער בלינדער וועלט זיך אַריין.

בייסן די הינט און זיי ווערן ניט זאט.
בלייבט נאָך דער וועלט נאָר א בלוטיקער סליאד
ריזלט איר בלוט אינעם ריוו, בא דער זייט,
דאָך גייט זי די וועלט, זי בלוטיקט און גייט.

א סטוק מיטן שטעקן און ווייטער א טריט.
וווהין גייט די וועלט? — ווער ווייסט עס דען ניט: —
ס'וויל שוין די וועלט מער קיין בלינדע ניט זיין,
גייט זי און זוכט איר פארלוירענע שיין...

יולי 1940.

פּאַ די אנדן

איבער לענדער ווייט און ברייט,
גרין באשיכט, די קעפּ באשנייט,
פול מיט וויכערס אינעם שוים,
שפּרייטן זיך די אנדן אוים.

הויך איז יעדער אנדן־בארג,
וואָלקנס טראָגט ער אף זיין קארק,
קאָנדאָרס נעסטן אין זיין שפּאלט.
און א זילבער־קלאָרער קוואל
פליסט זיך בארג־אראָפּ און קוועלט
צו די ווײנשטאָקן אין פעלד.



וואכט דאָרט אויף די זון גאנץ פרי,
וואכן בערג אין זונען־גלי.
רוט דאָרט אוים די זון פארנאכט,
רויען אויך די בערג פארטראכט.

הילן זיך די בערג אין רו,
בויגט די נאכט איר אויער צו
צו דער שלאָפנדיקער ערד:
הערט זי, ווי עס טופּען פערד,
ווי עס הילכן שטאָלצע טריט
אפן בארגיקן גראניט.

דאָרטן רייט איצט סאַן מארטין!
הינטער אים די שטאָלצע זין,
אויסגעשמידטע אין איין ריי,
אין איין מוטיקער ארמיי.

שפּיזן בלאנקען גרייט אין שלאכט,
שפּיגלט זיך אין זיי די נאכט.
סקריפּען רעדער אין פארקער.
קלימפּערן קאנאָנען שווער
צו די מויל־אייזלען געשפּאנט,
אינעם מארש צום ברודער־לאנד.

הויך די בערג, די טאָלן טיף
און די וועגן שמאָל און שיף.
אונטער יעדן פעלזן־שטיין
לויערט שטום דער טויט אליין.

נאָר פאָרויס רייט סאַן מארטין,
הינטער אים די קוזשאָ־זין,
אויסגעוואקסן דאָ, אין קאנט. —
אפן צווייטן אנדן־ראנד
שטרעקט א ברודער־פאָלק פארבענקט
צו דער פרייהייט זיינע הענט.

שטייגט אלץ העכער סאַן מארטין,
קניען שטאָלצע בערג פאר אים.
זילבער־וואָלקנס שפּרייטן זיך
צו דעם שטויב פון זיינע שיך.

— — — — — — — — — —

לאנג פארענדיקט איז דער שטרייט.
ס'איז דאָס ברודער־פאָלק באפרייט.
די באפרייער שוין ניטאָ.
בלויז אין שטילער אָוונט־שעה,
ווען די זון רוט אויס פארנאכט,
בא דעם אנדן־ראנד, פארטראכט,

הילכן אָפּ די פרייהייטס־טריט
אפן בארגיקן גראניט.
הערט מען זיי פון ראנד צו ראנד,
אין דעם גאנצן אנדן־קאנט.

העי, פויער

עס טאָגט שוין אינדרויסן, אָ, קוקט זיך נאָר איין:
א שפּיץ פון א בארג נעמט זיך הילן אין שיין.

א צווייטער, א דריטער הערט אויף מיטאמאָל,
אָט, לאָזט זיך דער טאָג שוין ארונטער אין טאָל.

ער שפּרייזט איבער פעלדער מיט ליכטיקע טריט.
א פענצטער אין הייזקע ווערט רויטלעך צעגליט.

א טירל אין הייזקע ווערט לאנגזאם צעפּראלט.
נעמט עמיץ פאַרטרייבן די קי אין „קאָראַל".

א פויער נעמט שפּאנען אין אקער די פערד,
עס ווארט אפן אקער די טויאיקע ערד.

עס ווארטן פארבענקטע די זאנגען שוין לאנג,
אין פעלד, אפן פריילעכן שניטער-געזאנג.

און ס'וואַרט אפן שניט שווין — די שעה זאָל ניט זיין...
דער היישעריק אויבן און אונטן זיין פריינט:

דער פריץ — דעם היישעריקס שותּף אף ד'ערד...
העי, פּויער, שפּאַן גיכער אין אַקער די פערד!



ווייסע בערג

עס האָט זיך דער ווינטער א ליטער געמאכט
און האָט זיך אינמיטן א פינצטערער נאכט
פאַרגנבעט ארויף, אף די בערג, אויבנאָן —
אין שניי־ווייסע קליידער די בערג אָנגעטאָן.

אין וואַרעמע קליידער — נאָר הערט א פאַרדראָס:
עס האָט זיך דער ווינטער פאַרגעסן די מאָס! —
און ס׳האָבן די בערג זיך צעוועקט אינדערפרי
אין שניי־ווייסע קליידער — קורץ, ביז די קני.

שטייען די בערג שוין באַשפּונען, באַנייט,
פון קאָפּ ביז די קני אין ווייסן געקליידט,
נאָר אונטן די פיס, נעבעך — נאַקעטע, הויל
פון שטענדיקע ווינטן און זון צוגעברוינט.

און וואַשן טאָג־טעגלעך די נאַקעטע פיס
אין שטראָמען, וואָס פליסן דאָרט, לויטער און פריש.
מיינט איר, חלילה, זיי קילן זיך צו? —
ווייס איך, זיי זיינען געוווינט שוין דערצו!

זיי נעכטיקן שטענדיק אינדרויסן, אין פעלד
און זיינען גאָר היימיש מיט ווינטן און קעלט,
מיט שטראָמען, וואָס ריזלען צופוסנס פון באַרג
און זיינען, קיינאָרע, געזונטע און שטאַרק...

פּאַמפּאַ - פּעלדער

פערד אין „סולקי" איינגעשפּאַנט. —
זעצן מיר זיך אויף באַנאַנד:
טאַטע-מאַמע — איך מיט זיי
און מיר פאָרן אַלע דריי.

פאָרן מיר אין שטאָט באַנאַנד:
טאַטע מיט דער בייטש אין האַנט,
מיט א „פּאָנטשע" איבער זיך
און מיט „אַלפּאַרגאַטן"-שיך.

מאַמע איז ארומגעהילט,
(ס'האָט זיך פּאַמפּאַ-ווינט צעשפּילט)
מיט א טיכל, א געשטרייפטס,
אויסגעבונדן מיט א שלייף.

יאָגט פאָרויס דער פּאַמפּאַ-ווינט.
נאָך דער „סולקי" לויפט דער הונט.
בא די זייטן — פעלד און פעלד —
איינגעטריקנט און פאַרגעלט.

ס'האָט אין מחנות דער „פולגאָן"
זיך אהער א לאָז געטאָן.
אַפּגעפּרעסן, ווי א גראָז
און די פעלדער ווּיסט געלאָזט.

בלאַנקען סטאדעס קי און פערד,
אויסגעמאָגערט, אויסגעצערט.
פעלט אוים מילך באם קאָלאָניסט,
פוטער, קעז און וואָס פעלט ניט?

* 1) פּאמפּא — ארגענטינער סטעפּ
2) סולקע — וואָגן אף צוויי רעדער
3) פּאַנטשע — פּעלערינע
4) אַלפּאַרגאַטן — שטעפּ־שיך
5) פולגאַן — קליינער אינזעקט



האַרבסטיקע ווינטן

ליב האָבן האַרבסטיקע ווינטן זיך שפּילן,
אף פעלדער, אף פרייע, מיט פליגלען פון מילן.

טרייבן די פליגל און פייפן זיך אונטער. —
דרייען זיך פליגל געשווינדט און געשווינדטער.

וועקן זיך מילן און הייבן אָן רוישן,
ווערן מיט מעל פול אין מיל אלע קוישן.

הייצט מען די אויוונס, צעטאַנצן זיך פלאַמען,
באַקן אוים קאַרענע ברויטן די מאַמעס.

קאַרענע ברויטן מיט קימל פון אויבן,
שמעקן די ברויטן אַרוים פונעם אויוון.

עסן זיי קינדער און וואַקסן געזונטע
און דאַנקען פון האַרצן די האַרבסטיקע ווינטן.

ווינטער - פרייד

אָן א שליטעלע, אָן גלעקלעך,
גאַר אָן שניי, אָן פרעסט,
איז דער ווינטער אַנגעקומען
און זיך דאָ באזעצט.

און פון ווייטע ווינטער-לענדער
מיטגעבראכט אהער,
גרוסן ליבע פאר די קינדער,
פון דעם ווייסן בער...

און פון בלומען אַף די שויבן,
אויסגעמאָלן שיין,
פון דעם אלטן, קאלטן מאָלער:
פון דעם פראָסט אליין.

אויך פון שליטעלעך אַף שליאכן,
ווייטע און פארשנייט,
וו עס זייען זילבער-גלעקלעך
ווינטערדיקע פרייד...

וו עס קלינגען זילבער-גלעקלעך,
פריילעכע, דין-דין!
ווער עס וויל זיך איבערשליטלען
ביטע, קומט אהין!

רעגן - טראָפּנס

רעגן-טראָפּנס, טראָפּנס רעגן!
טאַנצן באָרוויס אױף די װעגן,
נעמען װעגן פֿינקלען, גלאַנצן,
אַז די רעגן-טראָפּנס טאַנצן.

רעגן-טראָפּנס רינען, שפּריצן!
נעמען גרינען ביימער-שפּיצן,
הױבן בלעטער אָן צו גרינען,
אַז די רעגן-טראָפּנס רינען.

רעגן-טראָפּנס בלאָזלען, בלעזלען!
װאַשן, צװאָגן זיך די גרעזלעך,
עפֿענען מיט פֿרייד די בלומען
פֿולע בעכערס מיט פֿאַרפֿומען.

רעגן-טראָפּנס, טראָפּנס רעגן!
יעדער טראָפּן — אַ פֿאַרמעגן,
ניט צום מעסטן, ניט צום װעגן.
רעגן-טראָפּנס, טראָפּנס רעגן!

דער גאַוטש *

ברייט איז די פּאַמפּאַ,
דער סטעפּ איז צעגרינט,
פריי איז דער גאַוטש,
אזוי ווי דער ווינט.

וואָס לאָזט זיך מיט שטורעם
אין פּאַמפּאַ אראָפּ,
עס בויגט דער אָמבו
אין שטורעם זיין קאָפּ.

עס שוימט דער סאַלאַדראָ
אריבער זיין ברעג,
און לייכט, ווי דער שטורעם,
שטאָלץ און אָן שרעק,

טראָגט אף זיין פערד זיך
דער גאַוטש געשווינדט.
די לאָקן, די שווארצע
צעשויבערט אין ווינט.

דאָס מעסער אין גארטל,
די לאַסאָ פארגרייט.
עס דינט אים זיין פּאָנטשאָ
באַטאָג פאר א קלייד...

און אויך אַלס צודעק
אין קילבלעכע נעכט.
זיין שורץ און זיין פּאַנצער
אין מעסער־געפעכט.

גוט איז דעם גאַוטש,
ער דאַרף ניט קיין סך:
א ראַנטשאָ פון גראָז,
פון בלעטער א דאַך.

א שטיקל אַסאַדע
פון אייגענעם פאַנג.
אין אָוונט — גיטאַרע,
טאַנץ און געזאַנג.

* 1) גאַוטש — סטעפּ־מענטש
2) פּאָנטשאָ — ענלעך צו א פּעלערינע
3) ראַנטשאָ — אָרעם שטובל
4) אַסאַדע — געבראָטן פלייש



צווישן עופות

האָט א קוואָקע ארויסגעפירט
אירע קינדער אַף שפּאציר:
זיבן הינדלעך, הענדלעך צוויי,
אויסגעפּיקטע ערשט פון איי.

לויפן עופות זיך צונויף,
אלע עופות אפן הויף —
אַף איר שטייגער יעדעס עוף
ווינטשט דער קוואָקע מזל-טוב:

אינדיק פּינדיק, לאנגע נאָז,
בלאָזט זיך, מעשה באלעבאָס,
שפּאנט אהין און שפּאנט צוריק,
האָלדערט שטאָלץ: — זאָל זיין מיט גליק!"

גענדזל פרענדזל, פעטער בויך,
האלט דעם קאָפּ פאַריסן הויך
און עס גוגערט: — „גאָ-גאָ-גאָ,
אין א מזלדיקער שעה!"

קאטשקע קוואטשקע, פלוידער-זאק,
וואקלט זיך מיט האק און פאק
און זי קוואקעט אָן א סוף:
„קווא-קווא-קווא-קווא — מזל-טוב!"

אויך דער האָן, דער גאלאנגאן,
מיט א זעלנערישן שפּאָן,
אין א סאמעטענעם פראק,
מיט א רויטן אונטערשלאק,

בלאנקע שפּאָרן אויף די פיס,
אפן קאָפּ — א רויטן מיץ.
האָט א שטאָלצן קריי געטון:
„מזל-טוב דיר, מאמע הון!"

און די קוואָקע — פּיק-פּיק-פּיק,
שפּרייט די פליגל אויס פאר גליק
און זי ענטפערט אָפּ: — „א דאנק,
אם ירצה השם בא אייך ניט לאנג!"

מאַמע קו
און קעלבל מו

ס׳איז דאָס קליינע קעלבל-מו,
געראָטן אין דער מאַמע קו:

מאַמע קו איז רויט געפלעקט
און פון הינטן מיט אן עק.

און דאָס קליינע קעלבל-מו,
ווי צוויי טראָפנס — מאַמע קו.

נאָר דעם קעלבל פעלט איין זאך:
מאַמע קו גיט מילך אַ סך.

און דאָס קליינע קעלבל-מו
קען נאָר מעקען, ווי א קו.

קען פאַרייסן מיטן עק
און קיין מילך — ניט קיין לעק...

צו וואָס?

אז מען שווענקט זיך ניט דאָס מויל
ווערן — זאָגט מען — ציינער פויל. —
טאָ, פאַרוואָסזשע, זאָגט אַליין,
האָט דאָס הינטל שאַרפע ציין,
כאָטש עס שווענקט זיך ניט דאָס מויל
און צום וואַשן איז עס פויל?

אז מען גייט אַרום אָן שיך
קען מען זיך פאַרקילן גיך. —
וואָסזשע זע איך אומעטום
גייען קאַטשקעס באָרוויס אום,
טאַקע מיט די הוילע פיס
און זיי גיבן ניט קיין הוסט?

וואָסזשע דאַרף מען וואַשן זיך?
וואָסזשע דאַרף מען טראָגן שיך?

באַ אַ הויכן באַרג

ערגעץ, בײַ אַ הויכן באַרג,
מיט אַ ברוינעם, פעלזן־קאַרק,
מיט אַ ווײַס־באַשנייטן קאָפּ,
לאָזט דער הימל זיך אַראָפּ.

דאָרטן, אויפֿן הימל־ראַנד,
אויף אַ ראָזן בעטגעוואַנט,
שלאָפֿט די זון אַ מידע אײַן,
ביז ערשטן מאָרגנשײַן.

שלאָפֿט אַ מידע אײַן די זון,
וואָסושע האָט די וועלט צו טון
שפּעט בײַנאַכט, אָן זונענשײַן? —
גייט זי אויך אין בעט אַרײַן.

שלאָפֿט די וועלט אַ גאַנצע נאַכט,
נאָר די שטערן האַלטן וואַך,
קוקן אויף דער וועלט און זען,
ס'זאָל קיין בייז איר ניט געשען...

שטערן דערציילן

שלאָפט די זון א מידע איין,
מאכט די אויגן צו אין דרימל,
וועקן זיך די שטערנדלעך,
די ליכטיקע אין הימל.

וואָסזשע טוען שטערנדלעך
אין דער בלויער נאכט אליין? —
דערציילן שיינע מעהשלעך,
וונדערלעכע שיין.

האָב איך פון די שטערנדלעך
א מעשהלע געהערט:
ס'איז אמאָל א שטערנדל
געפלויגן צו דער ערד.

פון די טיפע, בלויע הימלען
א שפאציר געמאכט. —
און געלאָזן הינטער זיך
א פייערדיקן שליאך.

שפעטער האָט מען פון דער ערד
דאָס שטערנדל פארטריבן,
נאָר דער פייערדיקער שליאך
איז נאָך אים פארבליבן...

אמת איז דאָס מעשהלע. —
אויב איר ווילט ניט גלויבן,
זייטזשע מוחל, פרעגט אליין,
בא די שטערן אויבן.

זילבערן זיך דעכער

איינגעשלאָפֿן איז די שטאָט,
וואַכט לבנה איבער איר:
איבער דעכער, איבער דראָט
גייט זי אַפֿ איר נאַכט-שפּאַציר.

זילבערן זיך דעכער ווייס,
אונטער דער לבנהס טריט.
שווימען דראָטן, אין דער נאַכט,
ווייער שטיל, עלעקטריש ליד.

שלאָפֿט די שטאָט א מידע איין,
איז לבנה אַפֿ דער וואַך,
שפּרייט זי אירע פֿליגל אויס,
איבער יעדער הויז און דאַך.

פֿאָרט אַ באַן

פֿאָרט אַ באַן, אַ לאַנגע באַן,
פֿול מיט פּאַסאַזשירן.
ווייסט שוין גוט דער מאַשינמאַן,
ווי די באַן צו פֿירן.

„נאָר פֿאָרויס, נאָר פֿאָרויס!" —
קלימפּערן די רעדער.
אַט־אָ איז אַ ווייסינק הויז
צווישן גרינע פֿעלדער.

אַט־אָ איז אַ ריזן באַרג
פּלוצלונג אויסגעוואַקסן;
וואָלקנס טראָגט ער אויף זיין קאַרק,
שניי אויף זיינע אַקסלען.

און צופֿוסנס אויסגעשפּרייט,
שטראַמט אַ טייך אַנטקעגן,
שוימט און שוימט פֿאַר לויטער פֿרייד
איבער זיינע ברעגן.

אַט־אָ איז אַ שטאָט:
שוואַרצע שאָף און ווייסע.
ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף,
ס'איז אַ כּישוף־מעשה.

אין גילדענע נעצן

איז לויטער פון גאָלד היינט די זון אויפגעגאנגען
און האָט אירע גילדענע שטראַלן צעהאנגען:
אף שפּיצן פון ביימער, אף דעכער און דראָטן,
אף גלאַנציקע שינעס די שטראַלן צעשאָטן.

אף מעשענע שילדן, אף שויבן און קראַטן.
און גילדענע נעצן פאַרוואָרפן אין פלאָטאָ.
אף פאָנען פון שיפן די שטראַלן צעהאנגען. —
דעם טאָג אין די גילדענע נעצן געפאַנגען.



A. SOKOLOVSKI

J. SOKOLOWSKI.

דער מאָרגנשטערן

אַלע שטערן שוין פאַרלאָשן
און דער טאָג וואַכט אויף פון דרימל. —
בלויז איין שטערן זעט מען פינקלען
אויפן אויסגעבלייכטן הימל.
וואָסזשע בלאָנדזשעט ער, דער שטערן
אינעם בלויען באַגינען?
צי האָט ער זיין היים פאַרלוירן
און ער קען זי ניט געפינען?

אפשר האָט ער גאָר קיין היים ניט,
ווי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן? —
און דערפאַר גייט ער דער ערשטער
דעם פרימאָרגן גלייך אַנטקעגן...

די שטאָט זינגט

אזויפיל געזאנג איז פאראן אין דער שטאָט:
אין שטענדיקן זשום פון עלעקטרישן דראָט,
אין ריטמישן רעדער-גערויש פון פאבריק,
אין אויטאָ-גאלאָפּ אפן גלאנציקן ברוק.

אין קלונג פונעם טראמוויי, אין אימפּעט פון באַן,
אין גאנג פונעם מענטש, אין זיין אייליקן שפאן.
אין הילכיקן פייף פון סירענעם קאָיאָר. —
ווי שיין איז די שטאָט און ווי מעכטיק איר כאָר!



אף זוניקע וועגן

עס לעשן זיך אויס שוין די לאָמפּן אין שטאָט,
עס לעשן אין הימל זיך שטערן,
די נאַכט ווערט צערונען אין אָנבליק פון טאָג,
דער טאָג דאַרף געבוירן ערשט ווערן.

וועקט זיך די ערד, די פאַרשלאָפענע ערד,
פון לאַנגען באַנאַכטיקן דרימל
און קוקט מיט איר גרוי-פאַרנעפּלטן בליק
אַרויף, צו דעם בלוילעכן הימל.

און הערט מיט פאַרשפּיצטע אויערן זיך איין
צום פרײדיקן טראָט פון באַגינען,
שטראַלט אויף איר פּנים מיט ראָזעווע שײַן,
ווערן די נעפּלען צערונען.

און ס'לאָזט זיך די ערד, די אויפגעוואַכטע ערד,
מיט אָפענע אָרעמס אַנטקעגן,
אַנטקעגן דעם ניי-ערשט געבוירענעם טאָג,
וואָס קומט אָן אף זוניקע וועגן.



מ. פײגענבלום



פֿאַרוואָס דער בער האָט ניט קיין עק

(מעשה)

איך האָב אָט־די מעשה פֿון זיידן געהערט.
הילט איר זי הערן — איז לאַנג ניט געקלערט!
עס וועט אייך די מעשה ניט באַנג טאָן, איך שווער.
איך שווער עס אייך צו בײַ דעם עק פֿונעם בער.

איר פרעגט, אויב די מעשה איז אמת, צי ניין?
אן אמתע מעשה איז די, וואָס איז שיין...
הויב איך די מעשה אָן טאקע באלד:
אמאָל איז געווען א בער אין א וואלד.

דער וואלד, ווי דער וואלד — מיט וועלדער צוגלייך.
דער בער — שוין איינמאָל א בער זאָג איך אייך!
שטארק און געזונט, קיין עין־הרע, ניט מער —
פויל! שוין אפילו צו פויל פאר א בער.

גייט זיך דער בער אום שפאצירן אין וואלד.
גוט איז דעם בער, אז אין וואלד איז ניט קאלט.
אז גרייט איז אין וואלד דאָ פון האָניק און ניס,
וואָס פאלן אליין גאָר דעם בער צו די פיס.

וואָס בעטן זיך, נעבעך: „נא בערעלע־בו!
עס און זאָל וויל דיר באקומען די רו.
נאש האָניק און זאָל ער דיר זיס זיין אין מויל.״
איז וויל צו דעם בערעלע, זומער־לעב, וויל!

עסט ער און לעקט אַך ער קלערט ניט אריין,
וואָס וועט מיט אים שפעטער, ווינטער־לעב זיין?
זאָל קלערן דאָס אייזל, זאָל דאגהן דאָס פערד,
די שרעטלעך אין וואלד מיט די זילבערנע בערד.

איז וויל צו דעם בער, אז אלדינג איז גרייט,
ווען ס׳שטייט זיך דער וואלד אין גרינעם געקליידט.
אנדערש איז ווינטער, אָ, ווינטער איז שלעכט!
אָף דעם האָט זיך בערעלע־בו ניט גערעכט:

ווייס איז דער וואלד, די ביימער שניי־ווייס,
דער האָניק אין בינשטאָק — מיט שניי און מיט אייז.
קיין עסן ניטאָ, איז שלאָפן אויך שווער,
וועקט אין זיין נאָרע פון שלאָף זיך דער בער.

וועקט זיך דער אָרעמער בער אין דער הייל,
אונטערצולענען דאָס הארץ אָף א וויל,
איבערצוכאפן דאָרט, וויפל ניט איז:
אָקסן א פאָר, אָדער העזלעך א טוץ. —

ווינפל באַדאַרף עס אײַנגאַנצן אַ בער?
זוכט ער אין הייל אום, אַהין און אַהער:
אין קיך, אַפּן בוידעם, אין קאַסטן מיט גרעט,
פאַרגרייט מען ניט זומער, איז ווינטער צו שפּעט.

קיין ביסן ניטאָ צו פאַרריידן די ציין,
לאָזט זיך דער בער אין וואַלד אַריין גיין.
גייט ער אין וואַלד אום, פון עק ביז צו עק,
שלאָפט זיך דער וואַלד שוין אין ווייסן געדעקט.

מען זעט ניט קיין בלעטל, קיין גרעזעלע־גרין.
אין נאָרע דאָס העזל, אין בינשטאָק די בין.
קיין נים אױף די צווייגן, קיין פליש ניט אין פאַן,
כאָטש גוט, וואָס אין טייכל איז פיש נאָך פאַראַן.

און פיש פאַרן בערל איז גאָרניט־ניט שלעכט:
אַ קאַרפּל אַ פרישס, אַ שלײַען, אַ העכט,
געקאָכט, צי געפּרעגלט, דער עיקר נאָר איז
פאַר בערעלע נאַשער: זיס, אָבער זיס!

הינטערן וואַלד איז אַ טייכל פאַראַן,
אײַלט זיך דער בער מיט זײַן בערישן שפּאַן,
לאָזט זיך דער בער צו דעם טייכל אַוועק,
שלאָפט אויך דאָס טייכל אין ווײַסן געדעקט.

געהילט און געטוליעט אין דעקעס אין צוויי:
אונטן מיט אײַז און פון אויבן מיט שניי.
און אונטערן אײַז ערשט — דאָס טייכל אַליין.
שאַרפט זיך דער בער אָן די נעגל און ציין.

אַז נעגל און ציין האָט דער בער אָנגעשאַרפט,
נעמט ער זיך בויערן אין אײַז, ווו מען דאַרף.
בויערט און גראָבט דאָרט אַ טאָג מיט אַ נאַכט
און האָט אינעם אײַז שוין אַ לעכל געמאַכט.

פעלט אים נאָך איצטער אַ ווענדקע, דעם בער.
אַ ווענדקע צום טייכל און גאָרניט־ניט מער! —
האָט זיך דער בער גאָר אין גרויסן געאײַלט
פאַרגעסן צו נעמען די ווענדקע פון הייל.

און ביז צו דער הייל קריק איז — פאָלג מיך א גאנג!
דער הונגער איז גרויס, דער וועג איז צו לאנג,
פילט ער זיך גיין אין אַ וועג אזוי ווייט.
איז נאָך, צום גליק, אין דער ווייט־ווייטער צייט,

(דעמאָלט, ווען ס'איז אָט די מעשה געשען),
גראָד בא דעם בער אן עק נאָך געווען,
אן עק, אן עיך־הרע, לאנג אָן א מאָס,
לענגער, ווי היינט בא דעם העלפאנט די נאָז.

מאכט ער א וועגדקע פון זיין אייגענעם עק
און שטעלט זיך אליין אלס פישער אוועק.
א וועגדקע זיין עק, א פישער דער בער,
פילט ער עס ווערט אפן עק עפּעס שווער!

האָט זיך דער בער שוין באצייטנס באלעקט:
ניט אנדערש א פיש איז בא אים אפן עק!
ער דארף נאָר, וואָס גיכער ארויסציען דעם פיש
און שפּעטער געפּרעגלט דערלאנגען צום טיש.

א שלעפּ טאָן, וואָס גיכער דעם פיש אפן אייז!
שלעפּט ער און שלעפּט און — באגיסט זיך מיט שוויים
און קען אליין ניט רירן דעם פיש פונעם אָרט.
וואָס פאר א מעשה געשען איז דאָרט?

א מעשה, א שיינע איז דאָרטן געשען:
ס'איז גאָר אינגאנצן קיין פיש ניט געווען!
ניט נאָר קיין פיש, נאָר אפילו קיין ראק...
דאָס טייכל האָט פראָסטיק צום גראם צוגעקנאקט:

„בערל נאשער, בערל בון!
ווילסטו העזעלעך א טון?
פרישע פישעלעך אין טאָפּ?
הערזשע בערל אוים מיט קאָפּ:

ווער ס'איז זומער־לעב ניט פויל
דער האָט ווינטער אויך אין מויל.
פאר דיין פוילקייט, בערל שנעק,
וועסטו בלייבן אָנעם עק!"

אזוי האָט זיך טייכל געזונגען דאָס ליד
און בערעלעס עק אינעם אייז איינגעשמידט.
וואָסזשע זאָל טאָן אונדזער אָרעמער בער? —
רייסט ער דעם עק נעבעך הין און אהער.

רייסט ער און רייסט און דער סוף איז געווען:
ער האָט שוין מער קיינמאָל זיין עק ניט געזען.
קיין פיש ניט געפאנגען, דעם עק אויך געלאָזט,
מיט שניי־ווייסע ציינער געלאכט האָט דער פראָסט...

אָן פיש, אָנעם עק, געבוויגן דעם קאָפּ,
איז נעבעך דער בער פונעם טייכל אראָפּ
און קוים מיטן לעבן אין הייל קריק אוועק —
גייט ער ביז היינט נאָך ארום אָנעם עק...

אָפּטײלונגען

I

ביכער

II

זון און ברויט

III

באַם רונדן טיש

IV

בײַ די אַנדן בערג

אינהאלט:

איינלייטונג פון פ. קאץ — IX

ביכער — 15
אונדזער שול — 16
דאָרפס-קינדער — 17
העי, אין שול אריין! — 18
„איבעראיאָר" — 19
פויל זיין איז ניט שיין — 20
פלאטערל, פלאטערל! — 22
זון מיינער — 23
מיין טעכטערל וויינט ניט — 24
באגינען אנטקעגן — 25
א ברודערל — 27
שווער צו זיין א מאמע — 29
אז מיין טעכטערל שלאָפט איין — 30
פון וואנעט ווייסט די זון — 31
שלום עליכם — 32
א קינדעריי וועגן שניי — 33
דריי קינדער — 34
מיר וואקסן, מיר וואקסן — 36
גוטמאָרגן — 37
א מעשע מיט א פשוט יינגל — 41
אזוי האָט א קינד אן עלנטס געטראכט — 43
א גייענדיק קרעמל — 44
אָן זון — 45
אלע טירן צוגעמאכט — 46
כ'פעלט אים ניט קיין סך — 47
ווען ניט די מייז... — 48
איין חסרון! — 49
ברויט פאר אלע — 50
צוויי פרנסות — 51

ברודער פויער	53
א קינד פון דער גאס	54
טאַקע, פאַר וואָס?	55
יעדער טוט זיין ארבעט	56
פענצטער פון זון	57
דעם נעגערס טרער	58
א פענצטער	59
דריי ראָסן	60
אױף די טיפע גרונטן	61
זאָל בליען פרייד	62
א זוניקער טאָג	63
אָן ארבעט	64
פון פאַבריק	65
דער ווינטער ווינט	66
א בויער	67
באַם רונדן טיש	71
פשוט און פראָסט	73
ס'איז אלץ, ווי געווען...	75
ס'וועט נים געדויערן לאַנג	76
א שיף מיט מתנות	78
וווּ זיינט איר?	79
אין מיטן שטורעם	80
א פרילינגס-טרער	81
פרילינג קומט	82
א שמועס	84
אין א בלויער נאַכט	85
די וועלט איז געוואָרן בלינד	86
בא די אנדן	91
העי, פויער!	94
ווייסע בערג	96
פאַמפּאַ-פעלדער	97
הארבסטיקע ווינטן	99
ווינטער-פרייד	100
רעגן-טראָפּנס	101
דער גאַוטש	102
צווישן עופות	104
מאַמע קו און קעלבל מו	106
צו וואָס?	107
בא א הויכן באַרג	108

שטערן דערציילן — — — — — — — — — — — — — — — — 109
זילבערן זיך דעכער — — — — — — — — — — — — — — — 110
פּאָרט א באן — — — — — — — — — — — — — — — — 111
אין גילדענע נעצן — — — — — — — — — — — — — — — 112
דער מאָרגנשטערן — — — — — — — — — — — — — — — 113
די שטאָט זינגט — — — — — — — — — — — — — — — 114
אף זוניקע וועגן — — — — — — — — — — — — — — — 115
פארוואָס דער בער האָט ניט קיין עק (מעשה) — — — 116

Este libro se terminó de imprimir
el día 28 de febrero de 1946, en los
Talleres Gráficos Julio Kaufman,
Junín 344, B. Aires, Rep. Argentina.